„RADOMER-KIELCER LEBEN" № 5 (13) Na opłata pocztowa uiszczono ryczałtem" יאָהרגאַנג דריטער פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן


היינט 10 זייטען.

אדרעסען:

פון „ראַדאָמער קעלצער לעבן"

אין ראַדאָם

Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben"
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ

Redakcja i Administracja
„Radomer-Kielcer Leben"
Kielce, Staro-Warszawska 34.

אַנאָנסען פרייז:

איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.
„ „ „ אין „ 40 „
„ „ נאָכ'ן „ 18 „
די ערשטע זייט ענטהאַלט 8 שפאַלטען
„ אין טעקסט אין לעצטע זייט 4

ראַדאָם פרייטאָג י"ז אלול תרפ"ו ◆◆ פאַר'ן אינהאַלט אין טעקסט זון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך ◆◆ 27-go sierpnia 1926 roku


Z intencji zaręczyn drogiej nam

Luby Frydówny

z p. Jerzym Denem

najserdeczniejsze życzenia

składa rodzina

**Sz. Rozenberg.**

---

אַ הערצליכען מזל טוב וואונשען מיר דער פאַמיליע **פריד** צו די תנאים פון זייער טאָכטער **ליובאַ** מיט ה' ירמי' **דען**. זאָלען זיי פיעל נחת דערלעבען פון יונגען פאָרל.

**עקספעדיציאָנס-ביורא**
**„ספולקאַ ראַדאָמסקאַ".**

---

ממרכזי הגלות אני שולח בזה את ברכתי החמה והעמוקה לחברי האהוב על הררי ציון, יליד עירי ורעי הנחמד בין כתלי בית־הספר, מר **יחיאל רקוץ** לאירושיו את העלמה, בחירת לבו, מכירתי הנכבדה, מרת **צביה רוזן**

יזהיר עתידם בארצנו הקטנה לתחיה.

ורשה, אלול תרפ"ו שלכם **שמואל בענעט**

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודער און שוואָגער **יהושע לענדער** מיט פרל' **דאָבראַ ווייגמאַן** וואונשען מיר אַ הערצליכען מזל־טוב, זאָל זייער זיווג—בונד געשלאָסען זיין מיט גליק אין אַ ליכטיגען מזל.

**מענדיל בלאָהשטיין**
**מיט פרוי.**

---

Z intencji zaręczyn p

**LUBY FRYDÓWNY**

z p. **JURKIEM DENEM**

życzymy im szczęścia i powodzenia w przyszłości.

**Eljaszostwo**
**FRAJDAS.**

---

מזל טוב! ווינשען מיר דער פאַמיליע **פריד** צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער **ליובאַ** מיט ה' **יורעק דען**. אונזער וואונש איז: די עלטער פיעל נחת און דעם יונגען פאָרל אַ גליקליכן צוזאַמענבונד.

**שמואל** מיט פרוי **רוזשאַ**
**זילבערשטיין.**

---

אַ האַרציגען ברכת—מזל—טוב דריק איך אויס דעם ה' **דניאל זאב שליט** צוליב דער התונה פון זיין טאָכטער מיט ה' **ווייַנשטאָק.**

**אָסקאַר סערוועטניק**

פערוואַלטונגס־מיטגליד פון דער געזעלשאַפט „לינת—חצדק" אין קעלץ.

---

## ענטשולדיגונג

איך בעט ענטשולדיגונג ביי ה' **שמאי עהרליך** מיט פרוי, וואָס זייענדיג אין אַ אויפגערעגטען צושטאַנד האָב איך זיי בעליידיגט.

**צפורה הערשענהאָרן**

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע **ראָזענצווייג** צוליב'ן פלוצלינגען טויט פון זייער **פאָטער** און **מאַן**

# שמעון ז"ל נ. ע.

איהר זאָלט שוין מעהר ניט וויסען פון קיין שלעכטס

פאַמיליע **שפערמאַן**
„— — **זילבערשטיין.**

קעלץ.

---

## השבת—אבידה

פאַהרענדיג דעם 16/8 פון וועטשאָלאַ יאַט דורך שענקעוויטשאַ צום באַהן, איז פערלוירען געגאַנגען אַ שוואַרץ לאַקירענער דאַמען—באַטעל (אין פאָרם פון אַ פאָרטפעל) אין ווערט פון 70 זלאָטעס, אויסער קליינינקייטען און פאַפּיראָסע וואָס האָבען זיך געפינען אינווענינ. דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען דאָס אָבצוגעבען אין וואָהנונג פון ה' ד"ר זילבערשלאַק קעלץ, (מאַרק № 6) געגען בעלויהנונג.

---

**Szkoła freblowska**
**S. Kirszenbaum**

**pedaje de wiadomości że zajęcia rozpoczynają się 1 września. ZAPISY CODZIENNIE** w lokalu przy ul. **Lubelskiej 21** (2 piętro, front) od **10 — 2.** p. p.

**Ceny przystępne.**

---

Bank Spółdzielczo
Kredytowy
**w KOZIENICACH.**

*załatwia solidnie i szybko wszelkie inkaso na Kozienice za minimalną prowizję.*

---

## אויפפאָדערונג.

דערמיט פאָדער איך אויף מיין ברודער **חיים מרדכי לעווינטהאַל** אויס שידלאָוויץ, אז ער זאָל קומען האָבען מיט מיר אַ דין תורה קיין ראַדאָם אין פערלויף פון 5 טעג. אין געגענפאַל וועט דאָס פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די קאָנסעקווענצען פאַלען אויף איהם.

מיט אכטונג **א. לעווינטהאַל**
ראַדאָם, ריקאָרישעווסקאַ 45

---

טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי" ראַדאָם.

נאָך 3 פאָרשטעלונגען פון בעוויסטען אַרטיסט, קאָמיקער און רעזשיסער פון וואַרשאַווער טעאַטער **מאַקס ברין** און אַרטיסטין **רוטאַ קאַליש**



פרייטאָג דעם 27 9 אָוענד ווערט געשפּילט די פרעהליכע אָפּערעטע אין 3 אַקטען.

**חתנים ווי קריכט איהר**

אין דער הויפּט־ראָל אַלבערט ה' **ברין**

**פרעמיערע! פרעמיערע!**

שבת דעם 28 9 אָוענד ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָהל אין ראַדאָם די בעוויסטע אָפּערעטע אין 4 אַקטען

**אונזערע ווייבער**

הויפּט־ראָל ריט העגרעבער ה' **ברין**

זונטאָג דעם 29-טען 9 אָוענד ווערט געשפּילט דער שלאָגער פון אָפּערעטען אין 4 אַקטען.

**עלטערען און קינדער**

הויפּט ראָל אשר לעמעל ה' **ברין**

געשעפטס־פיהרער **לייכטער.**

# צווישען גויט און פיין.
## (ראדאמער בילדלעך).

### יתגדל.

די אלול'דיגע טעג זענען ענליך צו די היינטיגע יודישע פער'יאוש'טע פנימ'ער. ביידע זענען זיי בלאס, פערטראכט און עצבות'דיג.

כ'געה אין א אלול-בעגינען איבער די ראדאמער גאסען און מיר דאכט זיך, אז די אלע מענשען, וואס כ'בעגעגען, לויפענדיגע, איילענדיגע, וואלטען צוזאמען מיט'ן טריבען דרימלענדיגען פריהמארגען אנגעקומען פון דער פון ווייטער דמיונ'דיגער נאכט-בעהעלטעניש. זייערע פנימ'ער זענען מרה שחורה'דיג. זייערע גופים פיבערדיג און בע'דעגה'ט ציטערדיג, ווי אומגעדולדיגע פאסאזשירען, וועמען די באהן האט אויסגעשפיגען אין א פרעמדע אונבעקאנטע געגענד. געהען זיי מיט שלעפערדיגע טריט, פער'יאוש'טע, לויפען און זיי ווייסען נישט וואו זיי לויפען; איילען זיך און ווייסען נישט וואו זיי איילען זיך. שלייכען ווי שטימע שאטענס אהן א ציעל און אהן א האפנונג.

בלאזט אין בעגינען א קיהל שטיפעריש אלול-ווינטעל, פאטשט איבער די הויט ביינינגע סקעלעטען-פנימ'ער, ווי עס וואלט חוזק געמאכט און געלאכט יעדען אין די אויגען אריין. באלד דערנאך בלאזען תקיעות. א בעל תוקע לערנט זיך אויפן שופר. בלאזען שופרות, שאלען סיגנאלען. ווערט נאך מעהר אימה'דיגער אויפן הארצען, א שארפע גראהקייט פערציהט זיך איבער'ן הימעל און גאנצע בערג שווארץ-ווייסגעפלעקטע וואלקענדלעך קומען אן צולויפען; ווי זיי וואלטען זיך געאיילט אין אליארם אויפן סיגנאל פון די שופרות די הימלישע חילות'ען.

כ'געה ווייטער.

אין א זייטיג געסעל זענען זיך מסדר חזנים און בעלי תפילות די ימים נוראים'דיגע ניגונים.

שטייגען ארויס פון די פענסטער יונגע און עלטערע קולות. אלץ לערנט זיך איין די תפילות אויף ראש השנה. פון איין פענסטער "טראגט זיך ארויס א בעטענדיג קול – הנשמה לך והגוף פעלך — לויט דער שוואכער עסיס דערקענט מען ווי דער זינגער האט שוין באלד קיין גוף נישט און זיין תפילה דער „והגוף פעלך" איז נעבעך זעהר אמת. אז דער גוף, אויב ער לעבט נאך, איז עס מיט דער הימלישער קראפט. נאך מעהר איז אמת דער „הנשמה לך", ווייל אט, אט, פליהט זי ארויס די נשמה אין די הימלישע הויכקייטען...

פון ערגיץ אנדערש טראגט זיך ארויס דער ניגון פון יתגדל און דער ניגון ציהט זיך עפעס אזוי מעלאנכאליש און טרויריג ווי א פער'יתומ'טער קדיש...

דאס איז דער ערשטער קדיש, פון א נייעם בעל תפילה וואס גרייט זיך דאס ערשטע מאהל צו דאווענען ביים עמוד. ערשט סך הכל מיט איין יאהר צייט צוריק אליין געדאווענט אויפ'ן מזרח-וואנד. בעקומען די שענסטע עליה און ביים ספר מנדב געווען די גרעסטע נדבה פאר ביידע בעל תפילות פון זעלבען מנין. היי-יאהר וועט ער אליין דאווענען אלס שלוח צבור ביים עמוד. פון גאנצען עשירות, האט ער זיך דערמאנט, איז איהם געבליבען פון דער יוגענד א שמיקעל קול. זה חלקו מכל עמלו... חזר'ט ער עס זיך איין די תפילות און גיסט דערביי מיט הייסע טרערען. דעם ערשטען קדיש זאגט ער נאך זיין גאנצען פערלוירענעם פערמעגען... און אז ער דערמאנט זיך, אז היינט וועט פאר איהם א אנדערע מנדב זיין ביים ספר... צעוויינט זיך נאך מעהר זיין קול און עס בעט זיך:

— אוי, אוי, אוי, יתגדל... —

### דער מדינה-געהער.

ער געהט יעצט אוועק אויף דער מדינה.

פיל פון אייך האבען איהם גוט געקענט. אין ראדאם איז ער געווען א אלט געזעסענער תושב. אייביגע יאהרען א בכבוד'ער בעל בית געווען. געלעבט זיך בשלום און מנוחה. געהאט א אפען הויז. א הונגעריגער איז

כשר

צערעס
שפייזפעטס

פרישע איז נאר וואס אנגעקומען און אין אלע געשעפטען צו בעקומען, די אויסארבייטונגען פון צערעס-שפייזפעטס אין אונזערע פאבריקען איז שטענדיג אונטער דער פערזענליכער ריטועלער השגחה פון

רב שמחה פרענקעל (סקאהינא)

און דעריבער קאן מען יעדען רעליגיעזען יוד פערשלאגען הנאה פון דעם בעליבטען

שפייזע-פעטס „צערעס"
SATURNIA S. A. Warszawa

זאל זיך אויסקלייבן איינס פון די ביידע: אפלעבען זיינע פולע יאהרען אין עושר און אין נחת, אדער אויף יענער וועלט צו זיין צוזאמען מיט איהם.

דער וואסער-טרעגער האט זיך אויסגעקליבען דאס צווייטע. און ביזן היינטיגען טאג געפינט זיך דער קבר פון גאון מיט'ן קבר פון וואסער-טרעגער אונטער איין אהל.

**מ. קרעטשמער.**

# יענטעס אטאג.
## (סליינער פעליעטאן)
### פון ב. קאָונער.

קומט אריין א רעפארטער פון א צייטונג צו מיר א'ן הויז און ער פרעגט:

— קאן איך זעהן יענטע טעלעבענדע, די וועלט-בעריהמטע שעלטערקע?

— יא, זאג איך, איהר קאנט זי זעהן.

— און רעדען קאן איך מיט איהר? — פרעגט ער ווייטער.

– אויב זי וועט אייך לאזען; אויב זי אליין וועט נישט רעדען...

– איהר זענט עס טאקע איהר מאן? חיל ער וויסען.

איך האב א זיפץ געטוהן...

— זייט איהר, הייסט עס, יענטעס מאן, דער בעריהמטער און דערשלאגענער מענדיל טעלעבענדע?

— ליידער...

— וואו איז זי איצט?

– ביים קצב.

– זי קומט באלד?

— הלואי זאל זי נישט קומען, זאג איך, ווען זי איז נישטא, איז שטיל אין הויז.

דא איז יענטע אריין אין הויז מיט א קאלבס-געשלינגעל אין האנד. די האר פון קאפ צושויבערט. דאס פנים נישט געוואשען און די שיך נישט צוגעשנורעוועט.

ווי נאר זי האט דערזען דעם רעפארטער, האט זי באלד א שאס געטוהן:

– מענדיל, א ווייטאג דיר אין די קרזשיזשעס, מענדיל, ווער איז דער דאזיגער שלימזל, הא?

— שריי נישט יענטע, בעט איך זיך ביי איהר, געוואלדעווע נישט, עפען נישט דעם פיסק ווען מען דארף נישט; אנשטאט עפענען דעם פיסק, ווען דו זעהסט בעסער מען זאל עפענען די טויערן פון אמעריקא, וואלט געווען א סך נוצליכער, שריי נישט, דאס איז א רעפארטער פון א צייטונג. ער וויל האבען מיט דיר אנ'אינטערוויו.

— א וואס?

— אנ'אינטערוויו, א געשפרעך הייסט עס, א שמועס.

— וואס האט ער מיט מיר צו רעדען? וואס פאר א מחותן איז ער צו מיר?

— איך פערלאנג נישט, חלילה אומזיסט, זאגט דער רעפארטער, איך וועל אייך געבען 5 דאלאר פאר אייער צייט.

— וואס? — פרעגט יענטע.

— 5 דאלאר.

— איהר בלאפט נישט?

— ניין, מיר רעפארטערס, בלאפען קיינמאל נישט.

האט יענטע אוועקגעלייגט פון האנד דאס קאלבס-געשלינגעל אין פראטארקע אריין, זיך אפגעווישט די הענד אן דעם פארהענגעל פון פענסטער און געזאגט צום רעפארטער:

– מיסטער, גודזשעט נישט, מאכט עס קורץ, איך האב נישט קיין צייט! יא, איירער מיר הויבען אן, וויל איך האבען די 5 דאלאר פאראויס.

דער רעפארטער האט איהר געגעבען 5 איינציגע דאלארס, יענטע האט דריי מאל איבערגעציילט, צי עס שטימט, צי מען האט זי נישט אפגענארט און דער געשפרעך האט זיך אנגעהויבען:

דער רעפארטער: ווי רופט מען אייך?

יענטע: יענטע טעלעבענדע.

רעפארטער: ווי אלט?

הייגט, ווען די דירה פראגע פארנעמט בײַ יעדען מענש דעם בכבוד'יגסטען פלאַץ פון טאָג־אָרדנונג, ווען צו דינגען א דירה קומט אָן מיט „קריעת ים סוף" און דאָס דירה געלד געהט כסדר לעילה ולעילה, איז די לאגע פון ווײַניג פערמעגליכען מענש בכלל און פונ'ם אָרימאַן און זקן בפרט זעהר א טרויריגע.

ס'איז כדאי צו מאַכען אַ בעזוך אין דער יודישער קהלה, און זיך בעקאַנען מיט די צעהנדליגע בקשות פון די עקסמיסירטע און דירה-לאָזע אביונים און זקנים, וועלכע בעטען שטיצע אויף אַ דירה. ס'זענען פאַרהאַן מאָמענטען, ווען דאָס הארץ פּלאַצט פשוט פאַר ווייטאַג, אויסהערענדיג דאָס געוויין און געשריי פון די אָרימע זקנים, וועלכע וואלגערען זיך אָרום אונטערן פרייען הימעל, אָהן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ און ליגען נעבעך אויף די גרעסטע שלאָגס-רעגענס אויפ'ן שוהל - הויף, מאַנכע פון זיי פערקיהלען זיך און געהען אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט. און די קעלצער יודישע בעפעלקערונג, די געזעלשאַפטליכע כהוער, אנשטאָט אַנ'ערנסטען טראכט צו געבען, צו שאפען אַ דאַך איבער'ן קאָפּ פאַר די אָרימע זקנים, האַלטען אין איין פּאָליטיקירען א. אז. וו.

פאַר וואָס נעמען מיר יודען זיך נישט אַרויס קיין מוסטער פון די אומות העולם, וועלכע זענען נישט געקרוינט מיט'ן וואָרט „רחמנים בני רחמנים", ווי אזוי זיי פערווענדען זייער גאַנצע ענערגיע פאר די „בתי-זקנים". איהר וועט הייגט נישט טרעפען קיין איין שטאָדט און שטעדטיל, אפילו אין אַ דאָרף, וואו ס'זאָל זיך נישט געפונען קיין קריסטליכער מושב-זקנים.

דער זומער איז שוין פערבײַ. דער ווינטער קומט אָן. די טרויריגע, גרויע און קאַלטע ווינטער-נעכט דערנענטער'ן זיך און דעם אָרימאַן אין זקן וועט חלילה אויסקומען געפרוירען צו ווערען אויף דער גאַס. איצט, כל זמן ס'איז נאָך וואַרעם און שיין, איז די הייליגסטע אויפגאַבע פון אונזערע כלל-טוערער און אין די ערשטע רייהע פון דער יודישער קהלה זאָרגען צו שאַפען א „מושב-זקנים".

אמת, די צייט איז זעהר שלעכט און ס'האָט נישט ווער צו געבען די ערשטע טומע אויף דעם צוועק. אָבער ס'איז דאָך פאָרט נישט מעהר ווי עטליכע הונדערט זלאָטעס. (פאר טויזענד זלאָטעס וועט מען בעשטימט בעקומען אַ לאָקאַל) און אַנשטאָט די בעזונדערע געלד-שטיצע, וואָס די גמינע און אַנדערע פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס געבען אויף דעם צוועק זאָל בעסער צוזאַמענגענומען ווערען איין סומע און אַזאַ יראויגונג דינגען. ס'איז נישטאָ קיין צייט אויף חקירות און פּאָליטיקערײַ, דער מאָמענט איז ערנסט. אַ „מושב-זקנים" מוז זאָפאָרט געשאַפען ווערען. דער ווינטער קומט אָן!

⊚⊚⊚⊚




KUNEROL
פּשר
100% ריין
קאקאס-פעטס
צום באקען
קאכען
און פּרעגלען
צו בעקומען אומעטום

# געזעהן און געהערט.

## (פעליעטאָן).

**שווער אָנצושרייבען א פעליעטאָן. — דער 7-טער און 8-טער אויגוסט אין קעלץ. — דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. — ראש-השנה געהט. —**

שרייבען א פעליעטאָן וועגען קעלץ, וואָלט געהייסען פונקט דאָס זעלבע ווי אָנשרייבען עפּעס וועגען א לויה פון אַן אָרימאַן, אָדער אָנזאָגען קריעג דעם „ראַיאָל" און דער גאנצער קעלצער געזעלשאַפט.

און צוליב דעם טאַקע, וואָס ס'איז אזוי שווער אָנצושרייבען, עפּעס פרעהליכעס פון געשטאָרבענע קענט איהר, ליבע לעזער, זיך פאַרשטעלען מיין פערלעגענהייט, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, ווען דער רעדאַקטאָר, מיט וועלכען איך לעב זעהר גוט (מיר האָבען צוזאַמען געגעסען ליאָדעס.) האָט מיך געבעטען איך זאָל אָנשרייבען א פעליעטאָן און דוקא וועגען קעלץ. פונקט ווי עס וואָלט געפעהלט אויף דער וועלט בית-עלמן'ס און משוגעים-הייזער.

ווער עס האָט נישט די זכיה געהאַט צו זעהן קעלץ, אין דער צייט פון לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר, דער קען באמת נישט האָבען קיין אָהנונג ווי ס'זעהט אויס פּאַריז.

די קאָלעיאָוע-גאַס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געדאַכטען וואַלד פון קעפּ און אויטאָס אײַנגעהילט אין אַ נעפּעל. אונזערע קעלצער · האָבען זיך אזוי שטאַרק ליעב געקריגען „פאַרדאָן" אַז אַ חוץ אין די צוקערניס און אויף נאָך אַנ'אָרט ריהרען זיי זיך נישט אָהן אַנ'אויטאָ.

אממייסטען געלויבט איז געוואָרען די סטאָשיצא גאַס, וועלכע וועט בכלל האָבען אַ גלענצענדע צוקונפט, וואָרום, דאָס גאַנצע קעלצער ביסעל-לעבען וועט זיך דאָרט קאָנצענטרירען. באַלד אין דער פריה דער שפּאַציר אין גאַרטען אַריין, שפּעטער אַ־מעל אין באַר אַריין, אויף מיטאָג אין ווערטאַל און צום סוף אין דער... קראַנקען קאַסע.

סמאָלענסקי'ס צוקערניע, איז געוועזען אין די טעג פון צוזאמענפאָהר געפּאַקט. עס האָבען זיך אויסגעמישט דער געשמאַק פון די טשאָסטעס מיט דעם רויך פון די פּאַפּיראָסען און ווען איהר וועט נאָך צו דעם צוגעבען 39 גראַד היץ, וואָס דער גאַסט האָט בעקומען ביז מען האָט איהם עפּיס דערלאַנגט, צוזאַמען איז דאָס געוואָרען פערבינדען מיט סכנת-נפשות.

דערווײַל רוקט דער המצר אָב. דער בילאַנס פון יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען איז זעהר אַ טרויריגער. דער היגער ספּאָרט-קלוב „מכבי" אַרבייט זעהר שווער... אויף די זיצונגען ווען ס'ווערט בעטראַכט יעדעס מאָהל די פראַגע: „צי האָט דער „מכבי" אַנ'אָרט אין קעלץ". און וועלכען שטאַרקען אַטלעט אַראָבצוברענגען, וואָס זאָל דעם „מכבי" געבען אַ שטויס פאָראויס..

דעם „הזמיר" ווידער וועט שוין דער שטאַרקסטער אַטלעט אויך נישט העלפען.

ס'יוערען אײַנציגווייז מקום, די שוואַרק-זאַגטרייען, וועלכע זענען געזאגט געוואָרען וועגען „הזמיר" אויף א „שוואַרצע קאַווע" דורך געוויסע שוואַרצע מענשען...

עס איז שטענדיג גרינגער אויסצוהאַפּטען „מנן תקל ופרסן", ווי צו זיין אַ פעליעטאָניסט אדער אפילו „דער וואָס קריגט די פּעטש... ווייל אויפ'ן לעבען פאַר מען נישט קוקען דורך די שויבען פון „ראַיאָל"...

אין אַלע אנדערע קעלצער אינסטיטוציעס איז די טעטיגקייט כמעט די זעלבע. מיט איין וואָרט דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבען אין קעלץ, לעבט איבער, צוזאַמען מיט די יודישע סוחרים אַ שווערען קריזיס. די סיבה דערפון זאָל זיין דער הייסער זומער, צי די כסדר'דיגע רעגענס, דער נייער דזשאַז-באַנד אין „פּאָלסקי", אדער גאַר די נייע עלעקטראָווניע. א פאַקט איז, אז ס'ווערט וואָס א מאָל ערגער און עס האַלט שוין דערבײַ. אז אונזער שטאָדט זאָל האָבען דעם זעלבען גורל, ווי לוט'ס ווייב...

די האָפנונג אויף בעסערע צייטען טאָר מען אָבער נישט פערלירען. ס'געהט דאָך א נײַ יאָהר...

דערווײַל אַ ביסעל געדולד ביז צו די תקיעות.

**דוד פרישמאַן.**

